יידן, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטן

# נייער פאלקסבלאט

№ 1 | Łódź, Poniedziałek 1 stycznia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג י״ד טבת תרצ״ד | № 1

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אלפוילישע מזרחי-קאנפערענץ נעכטען געעפנט געווארן אין ווארשא

## 300 דעלעגאטען פון גאנץ פוילען. — בעגריסט האבען פרעז. נחום סאקאלאוו און לייב יפה

**ווארשא, 31** (יט״א טעלעפאניש)

היינט האט זיך אין ווארשא געעפנט די אלפוילישע קאנפערענץ פון „מזרחי". געקומען זיינען 300 דעלעגאטען. די קאנפערענץ האט געעפנט הרב בראט, מיט א פאליטישען רעפעראט אין אריום געדריקטע פיבמאן פון ארץ־ישראל. בעגריסונגען האבען געהאלטען פרעז. נחום סאקאלאוו, לייב יפה א. אנד.

**ווארשא, 31** (ספ. טעל.)

היינט 4 באכמיטאג האט זיך געעפנט די מזרחי־קאנפערענץ. עס זיינען געקומען 300 דעלעגאטען.

עס זיינען אויך געקומען אנ׳ערך 1000 געסט, און צווישען זיי א סך פון אויסלאנד, און פיל רבנים ובתוכם דער ראבינער נוראק פון ריגע און הרב פישמאן פון ירושלים.

פרעז. סאקאלאוו האט געהאלטען א גרויסע רעדע וועגען דעם ערמאדעטען רומענישען פרעזידענט דוקא, און וועלכען ער האט כאראקטעריזירט אלס פריינד פון יידען און פון דער א״י־אידעע.

בעת דער דעלעגאט לייב יפה האט גענומען א ווארט אין נאמען פון קרן היסוד איז אויסגעבראכען א סקאנדאל. די מזרחי־דעלעגאטען האבען איהם נישט געלאזט קומען צום ווארט, און דער פארזיצער, הרב בראט האט געדראהט דעריבער אז ער וועט שליסען די קאנפערענץ.

הרב נוראק פון ריגע האט גערעדט וועגען דער לאגע פון די יידען אין דער גאנצער וועלט און בעיקר וועגען דייטשלאנד.

די קאנפערענץ וועט דויערן עטליכע טעג.

## נאך דער טראגישער עראפלאן־קאטאסטראפע אין בעלגיען

**בריסעל, 31** (ספ. טעל.)

אין שייכות מיט דער טראגישער קאטאסטראפע פון סאבענא־פאסאזשיר־עראפלאן „אפאלא" אין בעלגיען דערוויסט מען זיך, אז דער קלאפ. סוב׳ם עראפלאן איבער׳ן ראדיא־סלופ איז געווען אזוי שטארק אז ער איז תיכף אין פלאמען ארונטערגעפאלען אויף דער ערד.

אלע 8 פאסאזשירען און דעם ראדיא־טעלעגראפיסט האט מען געפונען פארברענטע אויף קוילעל.

דער טורעם פון דער ראדיא־סטאנציע אין דער הויך פון 285 מעטער איז געווען בעלויכטען. די אויספארשונגס־קאמיסיע איז זיך משער, אז דער נעפעל איז געווען אזוי געדיכט, אז דער פילאט האט נישט געזעהען דעם טורעם בעת דעם טראגישען צוזאמענשטויס.

* * *

דער אומגעקומענער ייד. האלפערן פון „פע פע גע", ווי מיר דערוויסען זיך, איז געווען גוט בעקאנט אין לאדז, וואו ער פלעגט אפט קומען אין געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען.

## דעפוטאט דובין פון לעטלענדישען סיים אין ווארשא

**ווארשא, 31** (יט״א) טעלעפאניש)

קיין ווארשא איז געקומען דער דעפוטאט פון לעטלענדישען סיים דובין.

## געעפנט די קאנפערענץ פון די ווארשאווער ציוניסטען

**ווארשא, 31** (טעלעפאניש)

אין זאל פון דער לאנדקענטשאפט־געזעלשאפט האט זיך געעפנט די 6־טע קאנפערענץ פון די ווארשאווער ציוניסטען.

עס איז א״ומגערעדט געווארען א גאנצע רייהע לאנדעס־פראגען.

## לאנדעס-צוזאמענפאהר פון „יבנה"

**ווארשא, 31** (טעלעפאניש)

עס איז געעפנט געווארען דער לאנדעס־צוזאמענפאהר פון דער מזרחי־ערציהונגס אינסטיטוציע „יבנה".

## איבערראכטאג — אלפוילישער קאנגרעס פון דער „אגודה"

**ווארשא, 31** (טעלעפאניש)

איבערמארגען דינסטאג עפענט זיך אין קאמערשאל טעאטער דער אלפוילישער קאנגרעס פון דער „אגודה".

עס ווערען דערווארט א פאר הונדערט דעלעגאטען און געסט פון דעם גאנצען לאנד.

## באמבעס אין בארצעלאנא

**פאריז, 31** (ספ. טעל.)

פון בארצעלאנא ווערט מען מודיע: צוויי באמבעס האבען אויפגעריסען אין טוריסטען־רעסטאראנטען, דערביי זיינען דריי א ״נייטער" שטארק פארוואונדעט געווארען.

## געשטארבען איינער פון די ערשטע חובבי-ציון

**ירושלים, 31** (יט״א טעלעגראפיש)

אין עלטער פון 75 יאהר איז געשטארבען איינער פון די ערשטע חובבי ציון, מנחם מענדעל וואלמאן פון ווארשא. קיין ארץ־ישראל איז ער געקומען אין יאהר 1928. וואלמאן איז דער מחבר פון א גאנצע רייה העברעאישע ביכער.

## 25 טויזענד געשעפטס-לאקאלען פוסטעווען אין בערלין

### נישטא קיין שום רעפלעקטאנטען

**בערלין, 31** (יט״א טעלעגראפיש)

בלויז אין בערלין שטעהען ליידיג 25 טויזענד געשעפטס־לאקאלען. ד. ה. א דריטעל פון אלע געשעפטס־לאקאלען אין בערלין. אויף די ליידיגע לאקאלען געפונען זיך נישט קיין שום רעפלעקטאנטען.

## געבעלס איבערגענומען די השגחה

### איבער די קינאגעזעלשאפט־בארען

**בערלין, 31** (יט״א טעלעגראפיש)

דער מיניסטער געבעלס האט איבערגענומען די אויפזיכט איבער די סינעמאטאגראף־בארען.

## אריער-פאראגראף ווערט נישט אפגעשאפט

**בערלין, 31** (יט״א טעלעגראפיש)

אין די אפיציעלע קרייזען בעהויפטעט מען, אז דער אריער־פאראגראף, וועט אויפ׳ן נייעם יאהר נישט געענדערט ווערען.

שוין די טעג

הויבט זיך אן צו דרוקען אין

„נייעם פאלקסבלאט"

# דער נייער ראמאן,

וועלכער וועט אין א״אויסערגעוועהנליך שפאנענדער פארם געבען א בונט בילד פון די איבערלעבענישען, וואס עס האבען אדורכגעמאכט א רייה לאדזער יידען אין דעם פינסטערען מיטעלאלטערליכען היטלער-לאנד.

מיט א פערכאפטען אטעם וועלען די לעזער פונ׳ם ראמאן נאכפאלגען דעם לויף פון די געשעהענישען אויף ביידע זייטען גרעניץ פון די שכנ׳ישע צוויי לענדער.

די ריהרענדע טראגישע ליבע פון א יונג דייטש קריסטליך מיידעל מיט א לאדזער יידישען יונגענמאן, וואס וועט בעשילדערט ווערען אין דעם ראמאן, וועט זיכער פערבלייבען א דאקומענט פון אונזער פערפלאנטערטער, ווילדסטער צייט!

סענסאציאנעל, שפאנענד אריגינעל

וועט זיין

דער נייער ראמאן

אין

„נייעם פאלקסבלאט"

סמארשי פעלדשער

A. Neumark

האט זיך איבערגעצויגען אויף

28 פאלודניאווא 28

טעלעפאן 163-46

נעמט אן פון 8.30־10 פריה און 2–4 נ.מ.

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזען.

אונזער טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס דער שווערגעטראפענער פרוי רבקה לוקין און קינדער צוליב׳ן טויט פון איהר מאן און זייער פאטער

צאלקע נ״ע

וועלכער איז יאהרען־לאנג געשטאנען אין דער שפיץ פון אונזער פעראיין. עהרע זיין אנדענקען!

אין נאמען פון פעראיין פון די

זאדע־וואסער־פאבריקאנטען אין לאדז

אבראם נוימאן, 6־טר שערפיין 27.

7111

טיף געריהרט צוליבן טראגישען טויט פון

נ״ע סאמועל האלפעריז

פרעזעס און גרינדער פון דער פירמע „פע־פע־גע" אין גרודזשאנדז

דריקען מיר אויס מיטגעפיהל דער פאמיליע און זיינע נאהענטסטע.

Łódzki Skład Komisowy Wyrobów „PE-PE-GE"

wł. H. PRAWDA.

7105

